בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קל"א

פרשת תולדות
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס קְלָאצְט בַּיים דַאוֶוענֶען?

**שְׁאֵלָה י':** וָואס דַארְף מֶען טוּן מִיט אַ קִינְד וָואס בְּלַייבְּט זִיצְן פַארְקְלָאצְט אוֹיף זַיין פְּלַאץ וֶוען אַלֶע קִינְדֶער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** מֶען דַארְף אִים שֵׁיין דֶערְמַאנֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

מֶען טָאר אִים נִישְׁט אָנְקוּקְן וִוי אַ שְׁלֶעכְט קִינְד, אוּן מֶען קֶען אִים נִישְׁט טֶערָארִיזִירְן פַארְוָואס עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין מְחוּצָּף וָואס זוּכְט צוּ שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה, עֶר אִיז פָּשׁוּט פַארְקְלָאצְט; מֶען דַארְף אִים שֵׁיין דֶערְמַאנֶען צוּ דַאוֶוענֶען.

אַסַאךְ מָאל קוּמֶען צוּ מִיר מְלַמְּדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף קִינְדֶער אַז זֵיי דַאוֶוענֶען נִישְׁט מִיט, זָאג אִיךְ זֵיי: **"דוּ קֶענְסְט מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס אַ קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען? טְרַאכְט אַרַיין וִוי אַזוֹי דוּ דַאוֶוענְסְט אִין אַ טָאג וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, דוּ קוּקְסְט אוֹיךְ אַמָאל אַרַיין אִין אַ גִּלְיוֹן בִּשְׁעַתְ'ן דַאוֶוענֶען; לֵיינֶען אַ גִּלְיוֹן מֵיינְט אוֹיךְ זִיךְ שְׁפִּילְן!"**

### אַ קִינְד הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט חוּצְפָּה, וֶוען דַארְף מֶען אִים פָארְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה י"א:** וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶוען מֶען זָאגְט עֶפֶּעס פַאר אַ קִינְד, אוּן דֶער קִינְד עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק נִישְׁט מִיט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַארְף מֶען אִים גְּלַייךְ פָארְהַאלְטְן אָדֶער נִישְׁט?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** וֶוען אַ קִינְד פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט מִיט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, דַארְף מֶען אִים גְּלַייךְ מְחַנֵּךְ זַיין, אוּן אִים זָאגְן: **"מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ רֶבִּי, מֶען דַארְף רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט וֶוען מֶען עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק מִיט חוּצְפָּה".**

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְן קִינְד, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ קִינְדֶער, אוּן פַאר קִינְדֶער דַארְף מֶען אִיבֶּערְזָאגְן אַ זַאךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִין דִי צַייט וֶוען בֵּית דִּין פְּלֶעגְט בַּאשְׁטְרָאפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף פַאר גְּדוֹלִים, דָאס מֵיינְט בַּיי מֶענֶער פוּן דִי דְרַייצְן יָאר, אוּן פַאר פְרוֹיעֶן פוּן דִי צְוֶועלְף יָאר, אָבֶּער אַ קָטָן הָאט מֶען נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט, אֲפִילוּ אַ אִינְגְל הָאט אָנְגֶעצִינְדְן אַ פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת, הָאט מֶען אִים נָאר גֶעקֶענְט זָאגְן אוּן מְחַנֵּךְ זַיין: **"מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן"**, אוּן אוֹיבּ הָאט עֶר עֶס נָאכְאַמָאל גֶעטוּן, הָאט מֶען אִים נָאכְאַמָאל גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְזָאגְן אוּן מְחַנֵּךְ זַיין: **"מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן"**, וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען נָאכְנִישְׁט שׁוּלְדִיג פַאר זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים.

### וִוי לַאנְג קֶען מֶען הַאלְטְן גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְן פְּלַאץ?

**שְׁאֵלָה י"ב:** וִוי לַאנְג קֶען מֶען הַאלְטְן גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִין אֵיין צִי אוֹיפְן פְּלַאץ?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** קְלֵיינֶע קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ לֶענְגֶער פוּן צֶען מִינוּט.

מֶען קֶען זֵיי אַרָאפְּזֶעצְן אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי 'מוֹדֶה אֲנִי' אוּן דִי בְּרָכוֹת, נָאךְ צֶען מִינוּט דַארְף מֶען אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס דַאוֶוענֶען, זֵיי זָאלְן צוּרִיקְגֵיין צוּ זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג, שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען זֵיי אַרָאפְּזֶעצְן פַאר נָאךְ צֶען מִינוּט אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין מִיטְן דַאוֶוענֶען; אַזוֹי קֶען מֶען טוּן עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, אָבֶּער רוֹב טָאג דַארְפְן זֵיי זִיךְ שְׁפִּילְן.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת

### אַ קִינְד הָאט גֶעזָאגְט אַ מִיאוּסְ'ע וָוארְט, וֶוען דַארְף מֶען אִים פָארְהַאלְטְן?

**שְׁאֵלָה י"ג:** וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶוען מֶען הֶערְט וִוי אַ קִינְד שְׁרֵייט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אַ מִיאוּסְ'ע וָוארְט, דַארְף מֶען אִים גְּלַייךְ פָארְהַאלְטְן, אָדֶער מֶען קֶען וַוארְטְן אוֹיף מָארְגְן, אָדֶער אִיז גֶענוּג צוּ רֶעדְן דֶערְפוּן אִין כִּתָּה בִּכְלָלִיּוּת?

**דֶער עֶנְטְפֶער אִיז:** 'חִינוּךְ' הָאט נִישְׁט קַיין בּוּךְ מִיט אֵיין צוּגַאנְג צוּ יֶעדֶע גֶעשֶׁעעֶנִישׁ, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוענְדְט זִיךְ עֶס אִינֶעם מַצָּב וִוי אַזוֹי דֶער גֶעשֶׁעעֶנִישׁ אִיז פָארְגֶעקוּמֶען, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּלֵייגְן שֵׂכֶל בַּיי יֶעדְן פַאל צוּ וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין דֶעם פַאל.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוענְדְט זִיךְ עֶס אִין וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזָאגְט; אוֹיבּ דָאס קִינְד הָאט גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה חַס וְשָׁלוֹם, דַארְף מֶען עֶס גְּלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, וַוייל רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אִיז זֵייעֶר הַארְבּ.

אוֹיבּ הָאט נִישְׁט דָאס קִינְד גֶערֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, נָאר עֶר הָאט גֶענִיצְט אַ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ, וִוי דִי וֶוערְטֶער 'מְשׁוּגֶעגֶער', 'צֶעדְרֵייטֶער', וֶוענְדְט זִיךְ עֶס אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט עֶס גֶעהֶערְט, וַוייל וִוילַאנְג דִי קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט עֶס גֶעהֶערְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט גְּלַייךְ אַרַיינְמִישְׁן, מֶען קֶען רֶעדְן פוּן דֶעם אִין כִּתָּה בִּכְלָלִיּוּת אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן אוֹיבּ עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער רֶעדְן צוּם קִינְד דֶערְפוּן פְּרִיוַואט. אָבֶּער אוֹיבּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט עֶס גֶעהֶערְט, דַארְף מֶען עֶס יָא גְּלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, דִי קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מֵיינֶען אַז

מען מעג אזוי רעדן ווייל דער מלמד האט עס געהערט און זיך נישט וואוסענדיג געמאכט.

### ברוך השם אז די קינדער באקומען ביים רבי'ן זייער אסאך

איך וועל ענדיגן מיט א שמועס וואס איך האב געהאט מיט א טאטע; א טאטע האט זיך אויסגערעדט צו מיר אז זיין זון לערנט היי יאר ביי א מלמד וואס פילט נישט אזוי שטארק אן די קינדער אזוי ווי זיין פאריעריגער מלמד האט געטון, ער זאגט מיר אז ער שפירט אז עס איז סתם א שאד די צייט, ער וואלט אים גערן צוריקגעשיקט צום פאריעריגן מלמד.

האב איך אים געזאגט: עס איז טאקע ריכטיג אז נישט אלע מלמדים לייגן אריין אין די קינדער אייניג, איינער לערנט מער און איינער לערנט ווייניגער, זאלסט אבער וויסן אז די קינדער באקומען דא ביים רבי'ן זייער אסאך אפילו אן דעם וואס מען זאל קוקן וויפיל מען לערנט מיט זיי. פאר דעם אליין אז דער מלמד צעברעכט נישט דיין זון און זאגט אים: **"דו ביסט גארנישט"**, **"יענער איז מער פון דיר"**, און **"פארוואס ביסטו נישט ווי יענעם?"** - פארדינט שוין דיין זון. כל שכן וכל שכן אז אלע מלמדים רעדן צו די קינדער אן אויפהער פון 'אייבערשטער, אייבערשטער, אייבערשטער' - דארפסטו זיך זיכער פרייען.

ווען קינדער הערן אזויפיל מאל רעדן פונעם אייבערשטן, אפילו אויב זיי זענען פארשפילט בשעת דער מלמד רעדט, גייט עס אבער ארויסקומען ביי די פערציג פופציג יאר. אנשטאט זיי זאלן דעמאלט אריינפאלן אין א דעפרעסיע, אזוי ווי עס פאסירט ביי אסאך מענטשן ווען זיי קומען אן צו דעם יארגאנג; וועט זיי דעמאלט ארויפקומען אין זכרון די ווערטער וואס מען האט אין זיי אריינגעלייגט אלס קינד, זיי וועלן זיך דערמאנען אז עס איז דא א באשעפער און מען קען צו אים רעדן.

מען זעט נאכנישט מיט די אויגן אינגאנצן וואס פאר א שיינע חינוך מיר שטעלן אהער, מען דארף נאך אביסל צוואווארטן, אבער אין דרייסיג פערציג יאר ארום וועט מען מיטן אייבערשטנ'ס הילף זען א גאנצע דור וואס לעבט מיטן אייבערשטן, זיי ווייסן אז עס איז דא א באשעפער, און מען קען רעדן צו אים.

אין דעם זכות וואס מיר טוען פאר אנדערע קינדער, ובפרט אז מיר העלפן דעם רבי'ן, וועט אונז דער אייבערשטער באצאלן מיט הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

•••

## - ראטעוועון די קינדער -

### מיטן אייבערשטנ'ס הילף ברענגען מיר אייך נאך א שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן פרשת צו שנת תשפ"ד לפרט קטן.

איך דאנק און לויב דעם הייליגן באשעפער פאר די זכיה וואס ער האט מיר געגעבן אז איך קען מחזק זיין די טייערע מחנכים.

### רעדן צו די קינדער פון 'שמירת עינים'

טייערע מחנכים, איך בעט ענק זייער, רעדט צו די קינדער פון ענינֵי קדושה.

רעדט צו די קינדער פון 'שמירת עינים', אז מען דארף אראפקוקן סיי ווען מען גייט אין גאס און סיי ווען מען גייט אריין אין א געשעפט; מען זאל חס ושלום נישט נכשל ווערן אין א שלעכטע קוק.

די בעסטע צייט ווען מען קען רעדן צו א מענטש פון שמירת עינים, איז ווען ער איז נאך יונג, ווייל איינמאל מען ווערט עלטער, קען מען חס ושלום אריינפאלן אין חכמות, און טראכטן: 'איך ווייס ווי איין און ווי אויס'; אבער אין די יונגע יארן האט מען נאך אין זיך א ריינקייט און א שטארקע תמימות, און מען נעמט אן אלעס וואס מען הערט.

דערפאר ליגט א חיוב אויף מחנכים און אזוי אויך אויף עלטערן, צו רעדן צו די קינדער פון שמירת עינים ווען זיי זענען נאך יונג, אזוי וועלן זיי אפהיטן זייערע אויגן זייער גאנצע לעבן.

### אפילו מען איז זייער חשוב - טאר מען אויך נישט קוקן

מען דארף זאגן פאר די קינדער וואס די הייליגע חכמים זאגן (עירובין יח:): **"המרצה מעות לאשה מידו לידה או מידה לידו"**, אויב א מענטש געבט אדער נעמט איבער געלט פון א פרוי, דורך די הענט, **"בשביל שיסתכל בה"**, ווייל ער וויל קוקן אויף איר, **"אפילו דומה למשה רבינו שקיבל תורה מהר סיני"**, אפילו אויב ער איז אזוי גרויס ווי משה רבינו וואס האט מקבל געווען די תורה אויפן בארג סיני, **"לא ינקה מדינה של גיהנום"**, וועט ער זיך אויך נישט קענען ארויסדרייען פון גיהנום.

פארוואס דארפן די הייליגע חכמים געבן דעם משל אז אפילו ווער עס איז אזוי גרויס ווי משה רבינו? נאר די הייליגע חכמים ווילן אונז מיט דעם זאגן, אפילו דו האסט טויזנט תירוצים פארוואס דו מעגסט יא קוקן, דו מיינסט אז פאר דיר וועט עס נישט שאטן, ווייל דו ביסט זייער חשוב און דערהויבן וכו' וכו', זאלסטו וויסן אז אפילו איינער וואס איז אזוי גרויס ווי משה רבינו טאר אויך נישט קוקן! עס איז נישטא דערביי קיין שום אויסנאם, א איד טאר נישט אויפהייבן זיינע אויגן צו קוקן אויף א פרעמדע פרוי.

### נישט קוקן אויף פרעמדע מענער

אויך זאלן די לערערינס רעדן צו די מיידלעך פון 'שמירת עינים', זיי זאלן נישט קוקן אויף פרעמדע מענער, נאר אויף זייער טאטע, און נאך די חתונה - אויך אויפן מאן.

מוהרא"ש ברענגט דאס וואס די הייליגע חכמים זכרונם לברכה דערציילן אונז (תרגום אסתר ב, ז), אז אסתר המלכה איז געווען זייער צניעות'דיג אין שטוב פון מרדכי הצדיק, דורכאויס פינף און זיבעציג יאר האט זי נישט געקוקט אויף קיין שום פרעמדער מאן, זי האט נאר געקוקט אויף מרדכי הצדיק, דערפאר האט זי זוכה געווען אז זי האט געראטעוועט גאנץ כלל ישראל. זעט מען פון דעם צו וואס מען קען זוכה זיין אויב מען פירט זיך איידל און באשיידן.

### רעדן צו די קינדער פון די הארבקייט פון 'קדושת הברית'

טייערע מחנכים, מען מוז אויך רעדן צו קינדער פון 'קדושת הברית'.

זאגטס אן די קינדער: **"מען טאר זיך נישט אנרירן ביים אות ברית קודש און מען טאר נישט קוקן אויפן אות ברית קודש!"**

לייגטס אריין אין די קינדער אז שמירת הברית איז אזוי הארב ווי שמירת שבת! און עס איז נאך אסאך וויכטיגער, ווייל ווען א מענטש טוט אן עבירה און ער טוט נאכדעם תשובה - האט ער פארראכטן דאס וואס ער האט קאליע געמאכט, אבער אויב מען איז פוגם בברית רחמנא לצלן, בלייבט שוין דער מח געשעדיגט אפילו נאכן תשובה טון, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט (עיין פרשת משפטים, דף קי) אז מען איז פוגם בברית - גייט דער פגם ביזן מח; דער מענטש פארלירט זיין מח, ער קען נישט נאכדעם דאווענען און לערנען.

עס איז נישט גענוג אז מען רעדט פון דעם איין מאל א יאר, און מען רעדט פון דעם נאר ברמז, מען דארף רעדן פון דעם נאכאמאל און נאכאמאל, און מיט קלארע ווערטער!

מען איז נישט יוצא מיט דעם וואס מען ברענגט אראפ א בעל דרשן איינמאל א יאר, אין די טעג פון שובבי"ם, און דער בעל דרשן מאכט זיך צו זיינע אויגן און זאגט פאר די קינדער: **"מען דארף זיין אפגעהיטן און איידל"**, ווייל רוב קינדער פארשטייען נישט וואס דאס מיינט, און אפילו די פאר קינדער וואס פארשטייען יא וואס דאס מיינט, כאפן אבער

## ראטעווען די קינדער

נישט ווי ערנסט און הארב די עבירה איז. אסאך טענה'ן: "**איך האב געוואוסט אז דאס איז נישט קיין איידעלע זאך און נישט קיין שיינע זאך, אבער קיינער האט מיר נישט געזאגט אז דאס גייט מיך צוגרונד לייגן מיין לעבן!**"

### עס איז א חוב אויף יעדן צו רעדן

דער חוב צו רעדן צו די קינדער פון קדושת הברית ליגט אויף יעדן איינעם, קיינער קען זיך נישט פטר'ן דערפון מיטן אויסרייד אז א צווייטער וועט שוין רעדן דערפון צו די קינדער.

דער מלמד קען זיך נישט פארלאזן אויפן מנהל, און דער מנהל קען זיך נישט פארלאזן אויפן מלמד, און די עלטערן קענען זיך נישט פארלאזן - נישט אויפן מנהל און נישט אויפן מלמד; יעדער טראגט דעם פולסטן אחריות צו רעדן צו זיינע קינדער אז זיי זאלן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן בקדושה וטהרה.

### פרעגן דעם מנהל ווי אזוי צו רעדן

מען דארף רעדן צו יעדע כתה לויט זייער עלטער; צו יונגע קינדער רעדט מען מער ווייך, און צו עלטערע קינדער דארף מען שוין רעדן מיט א מורא'דיגע שטורעם און א ברען.

אויך דארף מען אכטונג געבן וואס מען רעדט, ווייל דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א', סימן קלד), אויב מען רעדט נישט ריכטיג צו א מענטש, מען רעדט איבערגע ווערטער, קען עס חס ושלום צוברענגען צו ניאוף רחמנא ליצלן. דערפאר זאלן די מלמדים זיך איבעררעדן מיטן מנהל די פונקטליכע ווערטער ווי אזוי צו רעדן צו די קינדער פון קדושה.

### פשוט'ע ווערטער ברענגט נישט קיין שלעכטע געדאנקען

עס איז נישט אמת דאס וואס מענטשן מיינען אז רעדן פון ענייני קדושה קען ברענגען צו שלעכטע געדאנקען; פשוט'ע ווערטער ברענגט נישט קיין שלעכטע געדאנקען.

### רעדן צו די קינדער זיך צו היטן פון קראנקע מענטשן

מען דארף אויך אנזאגן די קינדער זיי זאלן זיך אכטונג געבן פון אנדערע מענטשן, מען דארף זיי אנזאגן מיט קלארע ווערטער: "**קיינער קען דיך נישט אנרירן דעם אות ברית קודש**", "**קיינער קען דיך נישט אנרירן אויף פריוואטע פלעצער**", "**קיינער קען זיך נישט שפילן מיט דיין קערפער, עס איז א גרויסע סכנה! מען קען שפילן אלע סארט שפילערייען, אבער נישט מיט די קערפער**", "**קיינער קען דיך נישט נעמען אין זיין בעט**", "**אז דו גייסט צו א פעטער, מומע, קאזין, זיידע, באבע, דארפסטו וויסן אז קיינער קען דיך נישט רופן אין א פריוואטע צימער און דיך אנרירן אונטער די קליידער, אדער דו זאלסט אים אנרירן אונטער די קליידער**", און זאגטס אן די קינדער: "**אויב איינער האט דיך געוואלט מטמא זיין - זאלסטו עס קומען דערציילן!**"

ליידער איז היינט נייע צייטן, עס איז זייער זייער שרעקעדיג, מען דארף היינט רעדן פון זאכן וואס מען האט אמאל נישט געדארפט רעדן; פרואוון פרעגן: "**וואס קען איך טון אז מיין מאן איז נישט מסודר, ער שפילט זיך מיט די קינדער נישט איידל**". דערפאר דארף מען רעדן צו קינדער זיי זאלן זיך אכטונג געבן אפילו פון די נאנטסטע משפחה מיטגלידער, נישט קיין חילוק צי עס איז עלטערן אדער געשוויסטער וכדומה.

געדענקט, מען מוז רעדן צו קינדער, אויב מען רעדט נישט פון דעם צו די קינדער, קען מען זיי חס ושלום פארלירן אויף אייביג.

### אכטונג געבן פון נישט געזונטע פריינדשאפט

איך וויל אויך בעטן די לערערנס פון בית פייגא, זיי זאלן רעדן צו די קינדער פון קדושה וטהרה, זיי אנזאגן מען זאל זיך אכטונג געבן פון נישט געזונטע פריינדשאפט, און מען זאל רעדן קלארע ווערטער: "**קיינער קען זיך נישט שפילן מיט דיין קערפער**", "**קיינער קען דיך נישט אנרירן אויף פריוואטע פלעצער**", "**מען קען נישט גיין איבערנעכטיגן מיט חברטע'ס, און אויב עס מאכט זיך אן אויסנאם, מען מוז יא גיין - דארף מען שלאפן מיט יראת שמים, יעדער שלאפט אין די אייגענע בעט, און אפילו אויב מען בלייבט אויף א גאנצע נאכט און מען שמועסט, קען מען נישט זיצן אינאיינעם אויף איין בעט**".

### פארוואס זענען מענטשן אזוי פארהאקט נישט צו רעדן?!

איך ווייס נישט פארוואס מענטשן זענען אזוי פארהאקט אז מען זאל נישט רעדן צו קינדער פון קדושה; מען מאכט נאך פון דעם א שיטה אז מען טאר נישט רעדן פון דעם, און ליידער פאלן נעבעך קינדער חללשות, מען ווערט יונגערהייט אריינגעדרייט אין דעם, און נאכדעם איז דער גאנצער לעבן א פארפאלענעם לעבן, השם ישמרינו.

א בחור האט מיר דערציילט, ער איז געווען אין מקוה און א קראנקער מענטש האט אים געוואלט מטמא זיין, האט ער זיך שנעל אנגעטון און ארויסגעלאפן צום מקוה איד, ער בעט דעם מקוה איד: "**טו מיר א טובה, טראג ארויס דער מענטש, ער איז א קראנקער מענטש!**" זאגט אים דער מקוה איד: "**שוין ווייטער ביסטו פארנומען מיט דיינע ברסלב'ע זאכן...**" דער בחור האט זיך געבעטן ביי אים: "**פארוואס מאכסטו זיך נישט וואוסנדיג? עס איז נישט מיין מקוה, עס איז דאך דיין מקוה, עס גייט דיך נישט אן אז א קראנקער מענטש דרייט זיך דא?!**" און דער מקוה איד האט זיך ווייטער נישט וואוסנדיג געמאכט. אפאר וואכן שפעטער קומט דער מקוה איד צום בחור, ער זאגט אים: "**איך האב חרטה פארן דיך נישט אויסהערן, יעצט ווייס איך שוין אז דו ביסט געווען גערעכט, דער מנוול האט שוין ליידער אוועקגעלייגט אפאר קינדער און בחורים**".

ווי אזוי קענען עלטערן שלאפן רואיג אין די זומער'דיגע לאנגע פרייטאג נאכמיטאג'ס און שבת נאכמיטאג'ס, אויב זיי האבן נאך קיינמאל נישט אנגעזאגט די קינדער זיך צו היטן פון קראנקע מענטשן?!

ווי אזוי קען א טאטע שיקן זיין זון א אינגל אדער א בחור אין מקוה, אויב ער האט נאך קיינמאל נישט אנגעזאגט דעם קינד זיך צו היטן פון קראנקע מענטשן?!

ווי אזוי מעגן עלטערן אוועקשיקן די קינדער אויף שבת צו אן אנדערע משפחה, אויב זיי האבן נאך קיינמאל נישט אנגעזאגט די קינדער זיך צו היטן פון קראנקע מענטשן?!

אסאך אינגעלייט קומען צו מיר זיך אויסרעדן אז זיי האבן חתונה געהאט אבער זיי האבן נישט קיין לעבן, ווייל זייער ווייב איז שטילערהייט געווארן בא'עולה'ט רחמנא ליצלן אלס מיידל דורך איינע פון אירע באקאנטע, דורך א פעטער, א זיידע וכדומה.

מיר מוזן אנגרייטן די קינדער זיי זאלן וויסן זיך צו היטן פון קראנקע מענטשן, ווייל א מענטש קען אויסזען פונדרויסן זייער חשוב, און באמת קען ער זיין א קראנקער מענטש וואס זוכט צו מטמא זיין אידישע קינדער, השם ישמרינו.

### רעדן פארן אייבערשטנ'ס וועגן

איך ווייס אז עס איז נישט גרינג צו רעדן צו קינדער פון ענייני קדושה, און יעדעס מאל וואס מען וויל אנהייבן צו רעדן פון דעם, טראכט מען פארדעם: 'איך האב דאך שוין גערעדט פון דעם', 'וואס פעלט אויס צו רעדן פון דעם נאכאמאל?' מיט דעם אלעם מוז מען זיך שטארקן צו רעדן פון דעם, מען דארף עס טון פארן אייבערשטנ'ס וועגן, צו ראטעווען די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן הייליג און ריין.

דער אייבערשטער זאל העלפן, עס זאלט זיך האבן הצלחה און סייעתא דשמיא, אמן.

# בְּרִיוֹן פוּן דְּ חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס קֶען אִיךְ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי בָּחוּרִים אוּן אַ גְרוֹיסֶע אִינְגְל, אוּן אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ וָואס זֵיי צוּ גֶעבְּן צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר אוּן יְשִׁיבָה. אַבִּיסְל לֵיינֶען זֵיי, אַבִּיסְל הֶעלְפְן זֵיי, אוּן אַבִּיסְל שְׁפִּילְן זֵיי, אָבֶער עֶס בְּלַייבְּט נָאכְאַלְץ אִיבֶער אַסַאךְ צַייט וָואס זֵיי גֵייעֶן מַמָשׁ לֵיידִיג. זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מַיין וַוייבְּ'ס קָאפּ, אוּן אַלֶעס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אִיז דָא אֵיין עֵצָה - תְּפִלָּה; בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִין דִי בְּרִיוו דִי מַעֲשֶׂה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּנָא דְבֵי אֵלִיָהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח) "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זֶעקְס זוּן אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דֶער עֶרְד מִיט זַיין צִינְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרוּק וִוי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אוֹתוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", הָאט עֶזְרָא הַסוֹפֵר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָשׁ. אוּן דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

הֶעלְף דַיין וַוייבּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ הֶעלְפְן לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיט דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן; חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ג)

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְט צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט אַ אִינְגְל אִין מַיין קְלַאס וָואס יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֶעבּ אִים אַ קָאמְפְּלִימֶענְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אָדֶער לֶערְנֶען אַז עֶר דַאוֶוענְט אָדֶער לֶערְנְט שֵׁיין אָדֶער סֵיי וָואס, וַוארְפְט עֶר אַלְץ צוּרִיק דִי קָאמְפְּלִימֶענְט, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הֶערְט עֶר גָאר אוֹיף צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָיר, ל"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַנְשְׁטָאט דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען - וֶועלְן זֵיי אָנְהוֹיבְּן טוּן מָאדְנֶע זַאכְן, אָדֶער דָאס פַארְקֶערְטֶע.

אַז דֶער קִינְד טוּט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט - זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְן פְּרִיוַואט, גֶעבּ אִים נִישְׁט קַיין קָאמְפְּלִימֶענְטְן בָּרַבִּים; פְּרִיוַואט וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען פַארְדֵייעֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה יום טוב שבועות תשפ"ג)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 2-4-2-1
- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876